LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



די גרויסע ייִדישע
אַקטיאָרין

## דינה
## אַלפּערן

אין דער ראָלע פון
פּאָרטיאַ, 1948, אין
"שײַלאָק און זײַן
טאָכטער",
ווו זי האָט געשפּילט
מיט מאָריס שוואַרץ.

Dina HALPERN
in role of Portia, 1948.
"American Yiddish Art
Theatre Production of
Shylock and his
Daughter", in which she
appeared opposite
Maurice Schwartz.

n° 131 DECEMBRE 2008 דעצעמבער prix : 5 euros
…publiée avec l'aide de la Fondation Mémoire de la Shoah

# ייִדיש אין אַרגענטינע

## אינטערוויו פון אליהו טאָקער
## אויפגענומען פון מאַקס קאָהן

אין יאָר 2007 זענען דערשינען אין די „ייִדישע העפטן" צווײַ לידער פון אליהו טאָקער, וועלכער לעבט און שאַפט אין בוענאָס-איירעס. אונדזער מיטאַרבעטער, פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן, האָט געבינדן קאָנטאַקט מיט דעם שרײַבער און דיכטער אליהו טאָקער.

**מאַקס קאָהן :**
**ווער זענט איר און וואָס איז אײַער געשיכטע?**

**אליהו טאָקער :**
איך בין אַן אַרגענטינער ייִדישער שרײַבער. מײַן שעפערישע שפּראַך איז שפּאַניש, און אויף שפּאַניש האָב איך שוין אַרויסגעגעבן אַ פּאָר און פערציק ביכער. אַ פערטל פון זיי באַשטייען פון מײַנע אייגענע לידער; אומגעפער אַ צווייט פערטל זענען אַנטאָלאָגיעס פון ייִדישער דיכטונג, פון מיר אויסגעקליבן און איבערזעצט פון ייִדיש אויף שפּאַניש; נאָך אַ פערטל זענען שפּאַנישע אַנטאָלאָגיעס פון ייִדישן הומאָר און ס'לעצטע פערטל נעמט אַרײַן פאַרשידענע ביכער, צווישן זיי עטלעכע וועגן געוויסע אַרגענטינער ייִדישע שרײַבער פון דער שפּאַנישער שפּראַך.

- מײַן געשיכטע? מײַן מאַמע איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע פון וואַרשע און מײַן פאָטער פון ראַטנע, אַ קליין שטעטל פון וואָלין. ייִדיש איז געווען מײַן מוטער-שפּראַך, אָדער בעסער געזאָגט, מײַן פאָטער-שפּראַך, ווײַל פון אים האָב איך זי טאַקע געירשנט. ערשט ביים אַרײַנגיין אין שטעטלעכן אָנפאַנג-שול האָב איך אָנגעפאַנגען צו רעדן שפּאַניש און זי איז געוואָרן מײַן נאַטירלעכער אויסדרוק-לשון, און נאָכער מײַן שעפערישער לשון.



פון פּראָפעסיע בין איך אַן אַרכיטעקט, אָבער נאָך אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר זיך אָפּגעבן צו אָט-אָ דער פּראָפעסיע מיט איין האַנט, און צו ליטעראַטור מיט דער אַנדערער, האָב איך באַשטימט ווידמען ביידע הענט צו מאַכן הויפּט-באַרוף. אַרויסגעגעבן האָב איך ייִדישע זשורנאַלן אויף שפּאַניש, געגעבן לעקציעס וועגן ליטעראַטור און וועגן וועלטלעכע ייִדישקייט.

איך בין פאַרהייַראַט שוין כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט (מיט מײַן פרוי) וואָס גיט זיך אָפּ מיט די קלינישע פּסיכאָלאָגיע און מיר פאַרמאָגן אַ זון וואָס גיט זיך אָפּ מיט מוזיק און אַ טאָכטער וואָס שאַפט כאָרעאָגראַפיעס, צווישן זיי עטלעכע מיט קלעזמער-מוזיק. צווישן ביידע האָבן זיי אונדז באַזאָרגט מיט פינף אייניקלעך. וואָס מער קאָן מען ווינטשן?

**מאַקס קאָהן :**
**וואָס טוט איר אין שײַכות מיט ייִדיש אין בוענאָס-איירעס? וואָס פאַר אַ פּאָעזיע שרײַבט איר? וואָס זעצט איר איבער?**

**אליהו טאָקער :**
אָט-אָ די דרײַ פראַגעס האָב איך שוין אין אַ געוויסער מאָס געענטפערט. מײַן שײַכות צו ייִדיש דריקט זיך אַרויס, פאַרשטענדלעך, דורך

מײַן ליטעראַרישע אַרבעט און אויך דורך געוויסע קורסן און קאָנפערענצן וואָס איך האַלט אין בוענאָס-איירעס און אויך אויב ס'גיט זיך אײַן די מעגלעכקייט, אין לאַנד און אין אויסלאַנד. פאַראַיאָרן האָב איך זיך דורכגעהערט אויף ייִדיש אין שטראַסבורג (מזרח-פראַנקרײַך) מיט אַ גרופּע אַרום רפי גאָלדוואַסער; פריִער האָב איך געגעבן עטלעכע לעקציעס וועגן ייִדיש אין מעקסיקע, שטילע און ווענעזועלאַ, א.א.וו.

וואָס פאַר אַ פּאָעזיע שרײַב איך? ס'איז מיר שווער צו זאָגן. איך וועל מיטשיקן אַ צאָל מײַנע לידער פון מיר איבערגעזעצט אויף ייִדיש, איר זאָלט האָבן אפשר אַן אָנונג. פיר אַזעלכע לידער מײַנע זענען שוין דערשינען אין פאַראַיאָריקן מערץ אין די "ייִדישע העפטן", וועל איך אײַך מיטשיקן אַנדערע לידער מײַנע אויף ייִדיש.

וואָס זעץ איך איבער? פאַרשטענדלעך, לידער וואָס כ'וויל אָ נאָכוועדיקייט זיך צו טיילן מיט זיי מיט יענע וואָס קאָנען זיי ניט לייענען אינעם אָריגינאַל. איך האַלט אַז דאָס איבערשאַפן לידער איז ניט קיין קלענערע שעפערישע אַרבעט ווי דאָס שרײַבן אייגענע לידער. און די ייִדישע שפּראַך האָט אַרויסגעגעבן זייער גרויסע דיכטער וואָס ס'איז אַ מצווה זיי שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די דרויסיקע וועלט, מיט דעם שפּאַנישן לייענער אין מײַן פאַל. מײַן ערשטע אַנטאָלאָגיע האָט אַרײַנגענומען אַ דרײַ הונדערט לידער פון אַ פּאָר און זיבעציק דיכטער; נאָכער האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט משה-לייב האַלפּערן, אָדער יצחק קאַצענעלסאָן. אויך האָב איך איבערגעגאָסן לידער און פּראָזע פון ייִדיש אַרגענטינער שרײַבער. די אַרבעט איז, פאַרשטענדלעך, נאָך ווײַט פון זײַן אויסגעשעפּט.

**מאַקס קאָהען:**

**וואָס איז די סיטואַציע פון ייִדיש אין אַרגענטינע הײַנט?**

**אליהו טאָקער:**

זינט די 60קער יאָרן איז ייִדיש אין אַרגענטינע געוואָרן יעדעס מאָל שוואַכער; דאָס זעלבע ווי אין דער גאַנצער וועלט. דאָך איז פאַראַיאָרן געווען, נאָך אַ סך צײַט, צום ערשטען מאָל אין בוענאָס-איירעס, אַ פיר-טאָגיקער צוזאַמענקום וועגן ייִדיש אָרגאַניזירט אין דער אַרגענטינער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק דורך בוענאָס-איירעסער מוניציפּאַליטעט; ס'איז געווען זייער אַ וויכטיקע אונטערנעמונג מיט אַ סך אָנטיילנעמער, אַלס רעדנער און פּובליקום. איך האָב פאַרשטענדלעך אויך אָנטיילגענומען, אָבער לײַדער איז דאָס געווען "וועגן ייִדיש" און נישט "אויף ייִדיש", און דאָס איז הײַנט דאָס מעגלעכע.

**מאַקס קאָהען:**

**ווי אַזוי זעט איר די צוקונפט פון ייִדיש?**

**אליהו טאָקער:**

איך בין פון געבוירן אָן אַן אָפּטימיסט און איך האַלט, ווי איך האָב געזאָגט, אַז צווישן ייִדן פון האַלטן בײַם שטאַרבן ביז צום שטאַרבן איז אַ גרויסער מהלך (דיסטאַנץ). איך זע און פיל אומעטום אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער ייִדישער שפּראַך, פאַר קלעזמער מוזיק, פאַר פאָרמען פון אויסדריקן, שאַפן, פאָרשן און לערנען ייִדיש און וועגן ייִדיש. איך געפין אין קינאָ און אין טעאַטער, דאָ און דאָרט, פּונקטעם און טיפע שפּורן פון ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך און אַזוי פיל איך זי.



"נאָענטשאַפט" - צייכענונג פון משה סחר / ישראל